Opłata pocztowa uiszczona ryczałtem.

№ 248 „Lubliner Tugblat" פרייז 15 גראשען

לובלינער טאגבלאט

אבאנעמענטס-פרייז אין לובלין א חודש 3 זל. פראווינץ א חודש 4 זל.
אנאנסען-פרייז: (א מיליִמעטער-שורה) 1-טע און 4-טע זייט 10 שפאלטען, אין טעקסט 5 שפאלטען, 1-טע זייט 33 גראשען, אין טעקסט 60 גראשען, 4-טע זייט 24 גראשען
פרייטאג און ערב יום טוב 50 פראצענט טייערער.

זעכצענטער יאהרגאנג

מאנטאג פ' וירא י' חשון תרצ"ד 30 Październ. 1933
אדרעס: לובלין, קרולעווסקא 13, טעלעפאן 920, פאסט-פאך 15.
Adres redakcji i administracji: Lublin Królewska 13 tel. 9-20

די גראנדיעזע לויה

פון לובלינער רב, הרב מאיר שפירא זצ"ל

רבנים און רביים אין זארג פארן ווייטערדיגען גורל פון דער לובלינער ישיבה.— גאנץ לובלין האט אבגעגעבען כבוד דעם גרויסען נפטר.— ריהרענדע הספדים. וואו געפינט זיך דער קבר.— די לויה איז דורך איז מוסטערהאפטער ארדנונג.—

לובלין געדענקט נישט אזא לויה.

די צאהל פון די אנטיילנעהמער — מיר וועלען זיי נישט ציילען. ריכטיג צו זאגען 30, ריכטיג צו זאגען 50 טויזענד. די גרויסקייט פון דער לויה איז באשטאנען דער עיקר דערין, וואס קיינער איז צו איהר נישט געקומען מחמת סענסאציע. עס האט זיך געפיהלט בעציהונג, אויפריכטיגע טרויער-שטימונג, מען איז געקומען געזעגענען א מענש, וועלכער איז אוועקגעריסען געווארען פון דער וועלט אין מיטען פון זיינע בליהענדסטע יאהרען, א מענש מיט ברענענדער ענערגיע און שעפפערישען טעמפעראמענט, א מענש, וועלכער איז עקשנותדיג געגאנגען אויף דעם וועג, וועלכען ער האט זיך אליין אנגעצייכענט, געוואוסט פון אלע לעבענס-שוועריגקייטען און זיך פער-מאסטען אין קאמף געגען זיי. אלע זיינע יאהרען פיעל געלייסטעט, גע-שאפען, געבויט, געשפרינגען, ווי הרב לעווין האט זיך אויסגעדריקט אין זיין הספד-רעדע, איבער בערגער און גרו-בער און תמיד געזיעגט און אט האבען זיך פאר איהם געעפענט איצט נייע וועגען, פיעל ברייטערע מעגליכ-קייטען פאר זיין שעפפערישען טאלאנט און אזוי פלוצלינג איז דאס אלץ אי-בערגעריסען געווארען.

דאס אלץ ווירקט און שלאגט טיעף אין מענשליכע הערצער און דערפאר אזא טרויער. ערשט נעכטען האט מען געזעהן, וויפיעל אנערקענונג עס האט זיך ערווארבען דער רב שפירא אין לובלין, אפילו ביי זיינע פרינציפיעלע געגנער.

און דערפאר אויך איז מעגליך גע-ווארען, אז ביי אזא ריזיגען עולם, ביי אזא ענגשאפט איז דאך נישט גע-קומען צו קיין שום פארפאל. דער דרך-ארץ האט געהאמעוועט די טריט פון יעדען איינעם. אויב מען האט גאר נישט געמוזט האט מען זיך אין ערגיץ נישט געשטופט. מיטגעהאלפען צו דער ארדנונג האט, פערשטעהט זיך, אויך אין דער ערשטער רייהע די פאליציי, דאן די תלמידים זעלבסט, די פער-שידענע ארדנונגס-קאמיסיעס אונטער דער פיהרונג פון די ה"ה בראמבערג, קאנטאר, קאפ. ראאב, אייזענבערג, קעסטענבערג און אנדערע. חוץ דעם האבען מיטגעווירקט אויך דער „ברית טרומפעלדאר" און „ברית חייל".

———————

געפיהרט געווארען אין הויף פון דער ישיבה, דארט זענען אוועקגעשטעלט געווארען שטוהלען, אויף וועלכע זיי האבען פארנומען ערטער. עס האבען זיי עמפאנגען פארשטעהער פון לויה-קאמיטעט און אויך דעפוטאט הרב לעווין.

אפיציעל איז געווען געמאלדן, אז , די לויה וועט ארויסיהר ביטאג. דאס האט זיך אבער ארו ...עוויזן פאר אונמעגליך. די טהרה און די הספדים האבען פארנומען פיעל מעהר צייט און די פארשטעהער פון דער מאכט זענען די גאנצע צייט געזעסען אין דרויסען און געווארט.

פון די ארומיגע שטעדט

די ידיעה וועגען דער פלוצלינגער פטירה פון לובלינער רב, וועלכע האט אזוי ווייט און ברייט אבגעקלינגען איבער דער גאנצער וועלט, האט בע-זונדערס שטארק געווירקט אין די שכנותדיגע פון לובלין שטעדט און שטעדטלעך. דארט האט מען געשמועסט אויך, אז עס קומען קיין לובלין די גרעסטע רביים, מיטן טשארטקאווער, גערער און אלעקסאנדרער בראש, און דערייבער אויך האבען פון אומעטום מאסען חסידים זיך געלאזט קיין לוב-לין. א גאנצע נאכט איז מען אונאויפ-הערליך געפאהרען און געגאנגען אויך צו פוס.

די אויבענערמאנטע רביים זענען אבער נישט געקומען, דערפאר זענען געקומען א רייהע אנדערע רביים און זעהר פיעל רבנים. צווישען זיי אויך א סך גאליציאנער.

די קהלות

עטליכע צעהנדליג קהלות זענען געווען רעפרעזענטירט דורך זייערע פערוואלטונגען, ראט-מיטגליעדער מיט די פרעזעסען בראש. גאר שטארק אנ-געזעהן האבען זיך די רעפרעזענטאנ-טען פון די לאדזשער און פיעטרקא-ווער קהלות, וועלכע האבען און וועגען וועלכע מען האט פיעל גערעדט אויף דער זיצונג פון אדמיניסטראציון ראט פון דער ישיבה.

א אינפארמאציע צו בעקומען. מיר הא-בען בעצייטענס זיך געווענדעט אין דער ישיבה און אויפמערקזאם געמאכט אז מיט שטעלען די פרעסע אין אזא לאגע טהוט מען א גרויסע עולה, ווייל די צייטונגען וועלען נישט אומשטאנד זיין צו ברענגען קיין גענויע אינפאר-מאציעס. מען האט אונז צוגעזאגט די זאך צו ערלעדיגען און ליידער האט מען עס נישט מקיים געווען. האבען די זשורנאליסטען דערמאנט אנדערע צייטען, ווען עס איז געלעגט געווארן דער גרונד-שטיין, אדער עס איז פאר-געקומען די פייערליכע ערעפענונג פון דער ישיבה. דאמאלס איז געווען אר-גאניזירט א ספעציעלער פרעסע-אמט, א דאנק וועלכען די פרעסע-פארשטעהער זענען וועגען אלעם אינפארמירט גע-ווארען און האבען געהאט די בעסטע מעגליכקייט פאר ארבייט.

דאמאלס אבער האט געלעבט הרב ר' מאיר שפירא און זיין האנד האט דאס אלץ ארגאניזירט...

———————

מיר ברענגען נישט די נעמען פון די רביים, רבנים און ספעציעלע דעלע-גאטען, פשוט דערפאר, ווייל עס איז אונז אונמעגליך זיי אלע צו פערצייכענען און מיר ווילען נישט דורך דערמאנען די נעמען, וועלכע זענען אונז יא בעקאנט, פאר פערקלענערן דעם ווערט פון אנדערע.

פרעסע-מענשען, וועלכע זענען גע-קומען ספעציעל פון ווארשא און פון לאדוש האבען נישט געהאט זיך צו ווענדען צו וועמען און פון וועמען א

אנדערע דעלעגאציעס

איבער דער לענג פון לובארטאווי-סקי האבען זיך דערווייל אויסגע-שטעלט אנדערע דעלעגאציעס פון פער-שידענע געזעלשאפטליכע ארגאניזאצי-עס, אינסטיטוציעס, שולען, חדרים און ד. גל. געקומען איז מען אבער אהן פענער, אהן קרענץ און אהן שום אויסערליכען סימן. צוליערן לאנגען ווארטען האבען זיך די דעלעגאציעס אויסגעמישט מיטן פובליקום, אזוי, אז וועגען א בעזונדער ארט פאר די דע-לעגאציעס אין צוג איז שוין קיין רייד נישט געווען.

דעקלאראציעס פון די קהלות

פרעזעס זילבער האט אין נאמען פון דער לובלינער קהלה ערקלערט, אז פון היי-יאהריגען און קונפטיג-יאהריגען בודושעט, וועט דער ישיבה אויסגעצאהלט ווערען א סומע פון 4 און אפשר פון 5 טויזענד זל. ביים דלות, וואס עס ליידט די לובלינער קהלה, האפט ער דאך. אז אלע וועלען אין קהלה אונטערשטיצען דעם דאזיגען פארשלאג. פרעזעס מאזור האט אין נאמען פון דער ווארשאווער קהלה דעקלארירט 10 טויזענד זל. פרעזעס סטעמפעל אין נאמען פון דער קראַ-קאווער קהלה 1500 זל. און אין זיין אייגענעם נאמען 1500 זל. די פיעטרקאווער קהלה 1000 זל. דער ווארשאווער דאזאר גוטגאלד האט פרי-וואט דעקלארירט 2 טויזענד זל. פרע-זעס מאזור 3ע טויזענד זל. די בית-יעקב-שול אין קראקוי 1500 זל., פרעזעס זילבער 5 הונדערט זל. אנ-אונבעקאנטער לובלינער יוד 3 הונ-דערט זל. גלייכצייטיג האט פרעזעס מאזור געמאלדען, אז עס זענען פער-האן 70 טויזענט זל. פון די ישיבה-אקציאנערען, וועלכע הרב שפירא האט אנגעהויבען ארגאניזירען.

אלע אויפנאהמעס
פון דער לויה פון הרב שפירא זצ"ל
איז צו בעקומען צו ביליגע פרייזען אין פאטאגראפיע
„פאלאניא" זאמויסקא 37

קודר ושחוך עומד אני יחד עם כל היהדות הפולנית לפני מטתו
של הגאון הגדול מהור"ר ר'

מאיר שפירא זצ"ל

(אב"ד דק"ק לובלין)

ישראל שמואל בייהורין בהה"צ וצ"ל אב"ד דק"ק כעלם

פארשטעהער פון דער מאכט

פונקטליך 1 אזייגער זענען געקו-מען צוזאמפאהרען די פארשטעהער פון דער מאכט: וויצע-וואיעוואדע דלוי-גאצקי, גענעראל דאבראדזשיצקי, פול-קאווניק משאפלינסקי, סטאראסטע אלע-יארטשיק, קאמיסאר מיעלאטא, פאלי-צייַ-קאמענדאנט, עטליכע העכערע אפי-ציערען און אנד. זיי אלע זענען אריינ-

נאך דער לויה

די גאנצע יודישע וועלט איז געווארען אויפגערודערט. טעלעגראף, טעלעפאן און ראדיא האבען אין אלע שטעדט און לענדער פונאנדערטראגען קורצערע און אויספיהרליכע ידיעות וועגען דער פטירה און וועגען דער לויה פון הרב שפירא.

ווי נאר א יודישער קבוץ האט מען זיך דערוואוסט, אז אין לובלין איז אוועק פון דער וועלט א יודישע פערזענליכקייט.

דאס גאנצע יודישע לובלין, פון גרויס ביז קליין איז נעכטען געווען אויף דער גאס. און געווען נישט בלויז עדות פון א לויה, נאר מיטבעטייליגט זיך אין אויפריכטיגען טיעפען טרויער, אינ'ם לעצטען וועג, וואס הרב שפירא האט דורכגעמאכט איבער די גאסען פון אונזער שטאדט,

און געקומען קיין לובלין זענען פארשטעהער פון פערשיעדענע מיניסטעריומס, רעפרעזענטאנטען פון הונדערטער קהלות. ספעציעלע צוגען זענען געברענגט געווארען אין בעוועגונג, פארשטעהער פון דער יודישער און פוילישער פרעסע זענען געקומען קיין לובלין, כדי צו קענען איבערגעבען פון דער לויה גענויערע פרטים זייערע לעזער. די אויפמערקזאמקייט פון הונדערטער טויזענטער אויב נישט מיליאנען יודען פון פוילען און מחוץ פוילען איז נעכטען געווען געווענדעט קיין לובלין.

לובלין האט ערשט נעכטען דערפיהלט ווי אזוי די וועלט האט זיך בעצויגען צו דער פערזאן, וועלכע האט רעפרעזענטירט דאס לובלינער רבנות.

הרב שפירא האט מיט זיין פערזענליכקייט פערוואנדעלט לובלין אין א צענטר-פונקט פון דער יודישער וועלט. די פלאמענדע ענערגיע פון הר"ב שפירא האט אין לובלין אנגעטראפען אויף א צו הארטען באדען, כדי צו קענען פונאנדערוויקלען זיינע פלענער. וועל- וועלכע זענען געווען א געמיש פון רעאליזם און פאנטאזיע. דאס יודישע לובלין פון היינט איז אויסגעשטעלט אויף אנדערע נסיונות, מוז זיך ראנגלען מיט גאר אנדערע שווערינקייטען מוז מיט גאנץ אנדערע מעטאדען פערטיידיגען איהר עגזיסטענץ און דערפאר איז נישט אזוי לייכט געוועזען דעם נפטר צו פערווארפען א בריק פון דעם היינטיגען ביז צו דעם אמאליגען לובלין.

איינס אבער איז יא געווען א פאקט.

הרב ר' מאיר שפירא.

ער אליין האט געווירקט און מיט זיין פערזאן צוגעגעבען לובלין א בעשטימטען קאליר און געמאכט עס וואגיגער און אנזעהעוודיגער.

צו יונג איז נאך געווען דער הרב שפירא, צו רעשיג האט ער זיין לעבענס-וועג דורכגעמאכט און גאנץ איינגענארטיג זענען געווען די אומשטענדען, ביי וועלכע ער האט פערנומען דאס לובלינער רבנות, אז ער זאל נישט ארויסרופען צו זיך א בעגריינדעטע און אונבעגריינדעטע געגנערשאפט און קאמף. און וואס גרעסער די פערזענליכקייט, וואס שטארקער דער פארטנער, אלס העפטיגער מוז דאך זיין דער קאמף. אבער עס האט לובלין שטענדיג געוואוסט, אז מיטן הרב שפירא איז אונזער שטאדט רייכער געווארען מיט א גרויסען יוד.

מיט א קלוגען קאפ און ערשט נעכטען האבען אלע זיך איבערצייגט, ווי שנעל עס האבען זיך פערבונדען פעדים פון לובלין מיט דער גאנצער יודישער און נישט יודישער וועלט בלויז א דאנק דעם וואס אויף לובארטאווסקא 57 איז געזעסען א יוד מיטן נאמען ר' מאיר שפירא.

און איצט שוין צוריק פון דער לויה.

מענשען געהען זיך פונאנדער. מוזען זיך פונאנדערגעהן. צוריק צו די היימען, צו ארבייט, צו דאגות, צו עול געסט פאהרען זיך פונאנדער, אויפן בית-עולם איז צוגעקומען א גרויסער קבר, לובלין אבער, דאס יודישע לובלין, איז היינט א סך ארעמער ווי נעכטען, ארעמער מיט א פערזענליכקייט און אפשר מיט ד ע ר פערזענליכקייט.

לובלין ווערט צוריקגעשטויסען צו דער מדרגה פון א קליין יודיש שטעדטעל. טאקע א צאהל-רייכער יודישער קבוץ. אבער קליין לויט זיינע השגות, קלענער ווי קליין לויט דער בעציהונג צו עניני הכלל.

און אלץ טהוט דאך, וואס נאר עס איז מעגליך, כדי גלוסק זאל חלילה נישט בלייבען הינטערשטעליג לגבי איהר שכנטע לובלין... י. ב.

דער קרבן-עולה

און געפיהרט האבען מיר איהם נעכטען צו זיין אייביגער רוה...

ווי באנאל און וואכעדיג קלינגען די ווערטער: ע ר, דער וועג-ווייזער און באהן-ברעכער, פאר וועלכען די שטערונגען פון ארט און צייט האבען נישט עקזיסטירט, דער פ י ה ר ע ר און פאהן-טרעגער פון מיליאנען יודען אין אלע עקען וועלט, האט צום ערשטען און לעצטען מאל זיך געלאזט פ י ה ר ע ן...

א י ה ם, דער לעבעדיגער שפרודעל פון ווילענס-קראפט, דער ניאגארא-קוואל פון בטחון און אויסדויער, דער מייסטער פון ווארט און שריפט, דער עמוד האש און עמוד התוך פון יודישען רעליגיעזען אויפשוואונג, דער א י י ב י ג - ב ע וו ע ג ע נ ד ע ר, דער „פערפעטואום מאביל" — צו דער א י י ב י ג ע ר ר ו ה...

זיין אמתער מקום מנוחתו האט בעדארפט זיין דארט, אויף יענעם בערגעל, וואו ס'רוהען די גרויסע אונזערע פיהרער און אויטאריטעטען, די „חכמי לובלין", וועמענס גאלדענע קייט פון מרביץ זיין תורה ברבים ער האט נאך עטליכע הונדערט יאהר אנגעהויבען ווייטער צו וועבען.

אדער

אין גארטען פון דער ישיבה, אויפן ראנד-געביעט פון זיין ליבלינגס-ווערק, אין דער טיעף, ביי דעם בוים, וואו ער פלעגט די זומער-אווענדען רייצענד זיך אונטערהאלטען מיט אייגענע און פרעמדע, מיטן פנים צו דעם פאסאד גיגאנטישען בנין, פון וואנען דער קול תורה ווערט איינגעשלינגען דורך די עטער-פאליעס אין דער לופט.

ליגען דאך דער רמ"א אין קראקוי און דער מהר"ל אין פראג ביי זייערע שוהלען, וועלכע זענען געווען ישיבות.

אבער אויף אנצונעהמען אזא דרייסטען בעשלוס מוז מען אנקומען צו א גרויסען רעליגיעזען אויטאריטעט וועלכע זאל זאגען זיין וואגיק ווארט און זיך נישט שרעקען פאר די דורכשניטליכע השגות, ארויסצוזאגען זיך אין אזא ענין איז געווען בערופען טאקע נור ער אליין, דער גרויסער נפטר, דער מענש פון ברייטען שווונג און ווייטער פערספעקטיוו.

רען מעסטען האט מען איהם געדארפט מיט א וועלט-מאסשטאב און די קליינע מאסען, אין וועלכע מ'האט איהם געוואלט איינפאסען, ווי „אגודת ישראל", סיים-דעפוטאט, שטאדטישער רב אין פיעטרקאוו. לובלין צי אפילו לאדז, זענען געווען צו ענג פאר דער אימפאזאנטער פיגור און הויכען גייסט.

א אויטאריטעט, א וועלטס-אויטאריטעט ביי יודען וואלט ער מיט דער צייט געווארען, א מין ראש של כל בני הגולה, וועמענס ווארט אלע וואלטען זיך געמוזט אונטערווארפען.

און צו דער מדרגה איז ער געגאנגען מיט ריעזען-שריט און אויף יעדן שכאפעל צום פיעדעסטאל זיך אבגעשטעלט און געשאפען א ליכט-טורם, צי איז דאס גלינא אדער סאנאק, פיעטרקאוו אדער לובלין, לאדז צי שפעטער ווארשא אומעטום וואלט ער אויסגעשטראהלט זיין גרויס ליכט דעם „אור המאיר" און געגרינדעט ישיבות, פון וועלכען דעם „כתר תורה" וואלט געהאט די „ישיבת חכמי לובלין". אין אזא אויטאריטעט פיהלען מיר יודען אין איצטיגען דור א מאנגעל און דער נפטר איז געווען ראוי דערצו און בעוואפענט מיט אלע מאדערנע מיטלען און אייגענשאפטען, וועלכע דאס איצטיגע ברויזענדע לעבען פאדערט.

א אייביגער שמייכעל, האט גערוהט אויף זיין געזיכט. מ'האט קיינמאל נישט געקאנט וויסען וועגען וואס ער האט מיט א סעקונדע פריהער געטראכט אדער גערעדט. שטענדיג פול מיט פלערליי מינים דאגות, וועלכע וואלטען א דורכשניטליך פעהיגען מענש לאנג צוזאמענגעבראכען, שטענדיג איינער אליין צום דענקען און אויספיהרען, אהן מיטהילף פון קיינעם, יא, ביי שטילער געגנערשאפט פון פילע. האט ער זיין בעשטימטען ציעל שטענדיג דורכגעזעצט.

א שמייכעל האט ער געהאט פאר אלע גלייך. פאר נאהנטע, פריינד און אפילו געגנער. און ווען אויף רינעק 5 האט מען אנגעהויבען גראבלען זיך ארום זיין פערזאן האט ער א שמייכעל געטהון און אבגערוקט זיך פון דארט אויף איין טריט.

און ווען לעצטענס הויבט זיך אן כנהוג בכל תפוצות ישראל עפעס א מחלוקה'לע אין וועלכע זיין פערזאן ווערט אריינגעצויגען, האט ער אויך נור א ביטול-שמייכעל אלס ענטפער.

ווייל צו גרויסעס איז דער מענש בעשאפען געווארען און קליינליכע מענשען מיט נאך קלענערע השגה'לעך האט ער נור געקאנט בעדויערן.

געשאפען האט ער דעם בעגריף פון „כבוד התורה". אז דאס לערנען תורה איז א זאך פון עהרע און דעריבער מוז מען זיך צו א תלמוד-חכם בעציהען מיט אכטונג, ווי צו א העכערען און נישט געבען איהם אבצועסען אדער אבצונעכטיגען.

א גרויסען און שווערען קאמף אין דער ארטאדאקסישער וועלט האט ער געהאט דורכצוזעצען דעם געדאנק, אז „יאה עניותא לישראל" ביים היינטיגען דור איז מחלל דעם כבוד התורה, אונטערצוברענגען די רחמנות'דיגע בעציהונג צום תורה-לערנער, הויבען דעם זעלבסטבעוואוסטזיין פון לערנען גופא און אזוי ארום אריינפיהרען „יפיפותו של יפת באהלי שם".

„דף יומי"

עזרא הסופר האט מתקן געווען צו ליינען די תורה אין וועכענטליכע פרשיות, כדי די תורה זאל נישט פערגעסען ווערען און נאך 2300 יאהר ווערט דורך דעם 32-יעהריגען ר' מאיר שפירא געווארפען די לאזונג פון איינפיהרען דאס תלמוד-לערנען אלס חוב אויף יעדען יוד, איין דף א טאג און במשך 7 יאהר זאל מען דעם תלמוד שטודיום דורכמאכען.

און דער „דף יומי", וועלכען מיליאנען יודען אין אלע ווינקעלעך פון דער וועלט לערנען, בלייבט דאס גרעסטע דענקמאל, מיט וועלכען דער מאור הגולה האט זיך געשטעלט אין דער געשיכטע פון יודישען פאלק.

ווייניג איז געווען די צאהל פון די וועלכע זענען געשטאנען נאהנט צו איהם אין לובלין. דער אונטערגעשריבענער האט געהאט דעם כבוד און דאס גליק צו זיין אין זיין געזעלשאפט פון דער ערשטער מינוט, ווען ער האט מיט 10 יאהר צוריק בעטרעטען די לובלינער ערד, וועלכער האט אזוי אונברחמנותדיג איהם פון אונז צוגערויבט.

ביים לעבען האט ער אוועקגעשאנקען דער ישיבה זיין גיגאנטישען מוח זיין פיינפיהלענד הארץ, זיין געזונד, צייט און ענערגיע, געבאדען זיך אין א ים פון אונבעשטרייטבארע חובות פון וועלכע די גרעסטע איז געווען די הלוואה פון דער פערזיכ. געזעלשאפט „פשעזארנאשטש", ביי וועלכער ס'איז איהם מיט זיין געני־אלער איבערצייגונגס קראפט געלונגען צו בעקומען 30 טויזענד דאלאר—און איצט—

האט ער אוועקגעשענקט די ישיבה זיין לעבען ג ו פ א און אזוי ארום אבגעמעקט דעם גרויסען חוב, וואס האט זי בעלאסטעט.

ווי א קרבן עולה האט ער מקריב געווען זיין לעבען פאר זיין לעבענס-אידעע.

ל. רובינליכט.

הונדערטער הרוגים און פער-וואונדעטע אין ארץ-ישראל

ירושלים. 29. פון נעכטען אן איז אויך אין ירושלים איינגעפיהרט געווארען אויסנאהם-צושטאנד. וועלכער נעהמט שוין ארום די שטעדט פון חיפה, שכם און ירושלים.

צוליעב דעם, וואס די אראבישע עגזעקוטיווע האט שוין פראקלאמירט דעם גענעראל-שטרייק אין גאנצען לאנד, רעכענט מען זיך דערמיט, אז אויך דער אויסנאהמס-צושטאנד זאל פערברייטערט ווערען אין גאנצען לאנד.

די האלטונג פון דער רעגירונג איז אנ'ענטשלאסענע. דורך ספעציעלע קורירען, וועלכע זענען פונאנדערגעשיקט געווארען איבערן גאנצען לאנד, ווערען די אראבער אויפגעפאדערט צוריקצוגעהן צו דער ארבייט און נישט הערען די אגיטאטארען.

אלע שאסעען און וועגען קיין ירושלים זענען בעזעצט דורך מיליטער. פון קאירא זענען שוין נעכטען אנגעקומען 10 ענגלישע מיליטערישע עראפלאנען ווי אויך 3 באטאליאנען מיליטער.

אין תל-אביב און חיפה איז פולשטענדיג רוהיג, די בעפעלקערונג געפינט זיך אבער ווייטער אין א געשפאנטער שטימונג און די טעג פון דער לויה פון די דערהרגעטע אראבער, ווערט אין חיפה ערווארט א גרויסע אראבישע דעמאנסטראציע.

די יודישע בעפעלקערונג האלט זיך רוהיג, איהר שטימונג איז אבער אויך זעהר א געשפאנטע.

עס קורסירען די פערשידענסטע, אפטמאל אונבעגריינדעטע קלאנגען וועגען א מאסען-שחיטה, וועלכע די אראבער גרייטען צו אויף די יודישע קאלאניעס. דעליבער זענען נעכטען סויועגדער איינוואוינער פון די קאלאניעס, הויפטזעכליך די עלטערע מענשען און פרויען, אריבער אין תל-אביב.

די ענגלישע רעגירונג האט אנגענומען די ווייטגעהענדסטע שריט,

וואס דארפן טוהן ארבייטסלאזע כדי אויסצומיידן א טססמ'סיט

פון 1-טען אקטאבער איז אריין אין קראפט דאס געזעץ, אז אין משך פון די 6 ווינטער-חדשים טאר מען נישט אויספיהרען קיין עקסמיסיעס אויף ארבייטסלאזע, וואס וואוינען אין 1 אדער 2 צימערן.

דאס דאזיגע געזעץ איז נוגע קודם כל די ארבייטסלאזע, וועלכע זענען רעגיסטרירט אין אמט פאר ארבייטסלאזען-פערזיכערונג און זיי בעזיצען די ספעציעלע רויטע ארבייטסלאזע-קארטען.

גלייך ווי דער ארבייטסלאזער בעקומט א מיטטיילונג פון געריכט, אז דער הויז-ווירט האט איהם אנגעקלאגט, דארף ער תיכף אוועק אין פאליציי-קאמיסאריאט און פערלאנגען דארט א'ארימקייטס-צייגניש (שוויאדעצטווא אובוסטווא)

די דאזיגע צייגנישען גיבען ארויס די קאמיסאריאטען פולשטענדיג אומזיסט.

די ארימקייטס-צייגניש צוזאמען מיט דער ארבייטסלאזע-קארטע דארף פארגעשטעלט ווערען דעם ריכטער בעת דעם פראצעס, אהן די דאזיגע דאקומענטען ווערט די עקסמיסיע נישט צוריקגעהאלטען און דעריבער טרעפט אפט, אז דאס געריכט גיט ארויס אפילו אום ווינטער עקסמיסיעס אויף ארבייטסלאזע, וואס וואוינען אין קליינע דירות

ווייטערע פרטים פון דער נעכטיגער לויה

זיצונג פון אדמיניסטראטיווע ראט פון דער ישיבה

10 פריה האט זיך אנגעהויבן די זיצונג פון אדמיניסטראטיווען ראט פון דער ישיבה אונטערן פארזיץ פון ווארשאווער קהלה-פרעזעס ה' מאזור. צו דער זיצונג זענען צוגעלאזט געווארען די פרעזעסן און דעלעגאטען פון אלע קהלות. די זיצונג איז געווען אנ'עפענטליכע. עס האט זיך געהאנדעלט וועגען ווייטערדיגען גורל פון דער ישיבה.

דער תלמיד לעבוואהל האט אין זיין רעדע געשילדערט די צוגעבינדענקייט פון די תלמידים צו דער ישיבה און אין זייער נאמען אפעלירט צום יודישען צבור אין פוילען איבערצונעהמען די זארג פאר איהר.

פרעזעס מאזור האט אין זיין רעדע ערקלערט, אז די ישיבה האט 400 טויזענד זל. חובות. דערפון ווערט איצט אבגעצאהלט 170 טויזענט זל. פון דער סומע, אויף וועלכער הרב שפירא איז געווען אסעקורירט. פאר די איבעריגע חובות מוז איצט געזארגט ווערען. דער רעדנער אפעלירט דעריבער, צו די פרעזעסען פון אלע קהלות, אז זיי זאלען זארגען, דאס די ישיבה זאל בעקומען אויסגעצאהלט די סובווענץ-סומען, וואס זענען אריינגעשטעלט געווארען אין די בודזשעטען פון די קהלות, חוץ דעם זאלען אלע קהלות דורכפיהרען אנ'איינמאליגע בעשטייערונג און אויך אלע אנוועזנדע זאלען דעקלארירען גרעסערע סומען פאר דער ישיבה.

זעהר ריהרענד איז געווען די רעדע פון הרב לעווין, וועלכער האט אנגעוויזען ווי נויטיג עס איז צו מאכען אלע אנשטרענגונגען, כדי צו דערהאלטען דאס ווערק, פאר וועלכען דער נפטר האט זיין לעבען אוועקגעגעבען.

פאדערונג צו דער לאדזשער קהלה

דער רײשער רב, דעפ. הרב לעווין האט צו די אנוועזענדע פארשטעהער פון דער לאדזשער קהלה געמאכט פאלגענדע ווענדונג:

— רבותי, די לאדזשער קהלה האט אין איהרע פערהאנדלונגען מיטן הרב שפירא, וועגען איבערנעהמען דעם רבנות-אמט אין לאדז, אויסגעדריקט איהר הסכם צו געבען ביז 100 טויזענד זל. אויף צו דעקען דעם חוב פון דער ישיבה, עס איז דעריבער א יושר אז די לאדזשער קהלה זאל נישט וועלען מאכען ריוח פון דער אזוי פלוצלינגער פטירה פון לובלינער רב און דעריבער פאדערען מיר, אז די לאדזשער קהלה זאל אויך איצט געבען דער לובלינער ישיבה די סומע, וועלכע זי איז מיט עטליכע טעג צוריק גרייט געווען צו געבען.

עס האט דאן גענומען א ווארט דער וויצע-פרעזעס פון דער לאדזשער קהלה-פערוואלטונג, ה' בערגער, און ערקלערט פאלגענדעס:

—לויטן בעשלוס פון דער לאדזשער קהלה האב איך צוזאמען מיט אנדערע געדארפט היינט זיין אין לובלין, כדי אונטערצושרייבען דאס כתב הרבנות מיטן לובלינער רב. ווי איהר זעהט געפין איך זיך טאקע אין לובלין, אבער אין א גאנץ אנדערער לאגע. די ווענדונג פון הרב לעווין וועלען מיר בעטראכטען אויף א זיצונג פון דער פערוואלטונג, דערווייל ערלויב איך זיך צו דעקלארירען 5 טויזענד זל. אין נאמען פון דער קהלה.

פיטערקאוו דראהט, נישט צו דערלאזען צו דער קבורה...

בעוואלדיג הייס און שטורמיש איז געווען דער ארויסטריט פון פארשטעהער פון דער פיעטרקאווער קהלה. דער פיעטרקאווער פרעזעס האט אלס כהן נישט געקענט אריינגעהן אין דער געביידע און איז געבליבען ווארטען אין הויף. איהם האט פערטרעטען אנ'אנדער דאזאר, וועלכער האט ערקלערט, אז די פיעטרקאווער זענען גרייט נישט צו דערלאזען צו דער קבורה פון נפטר, כל-זמן די לובלינער קהלה וועט זיך נישט פערפליכטען צו בעזארגען די רביצין.

געענטפערט דערויף האט דער פרעזעס זילבער, וועלכער האט ערקלערט, אז די לובלינער קהלה וועט היי-יאהר אויסצאהלען דער רביצין די פולע פענסיע, ווי עס וועט פאר דער בודזשעט און אויף ווייטער וועט געזארגט ווערען וועגען לעבענסלענגליכע עמעריטור פאר איהר. אלענפאלס וועט די לובלינער קהלה ערלעדיגען דעם ענין מיטן געהעריגען כבוד.

דער פיעטריקאווער האט זיך אבער נישט בערוהיגט און פערלאנגט אז די רביצין זאל בעקומען איהר פענסיע דירעקט פון די שוחטים, אזוי ווי עס האט ביז איצט בעקומען דער רב.

דעם אינצידענט האט פערענדיגט דער הרב לעווין מיט פאלגענדע ווערטער;

דער פרעזעס פון דער לובלינער קהלה האט געגעבען א פערפליכטונג פאר אונז פארשטעהער פון יודישען צבור פון פוילען. מיר גלויבען און האבען צוטרוי, אז די לובלינער קהלה וועט איהר פליכט ערפילען.

דערביי מוזען מיר מיט בעדויערונג פעסטשטעלען, אז דער פיעטרקאווער האט זיך אין זיין הייסע און טאקע מיט טרעהרען אין די אויגען געהאלטענע רעדע, דאך זיך ערלויבט א זעהר נישט טאקטישע ווענדונג אויפן אדרעס פון דער לובלינער בעפעלקערונג, אויף וואס עס האט אויפן ארט און דוקא זעהר טאקטיש געענטפערט פרעזעס זילבער.

די טהרה

מיט דער טהרה האט זיך בעשעפטיגט די חברה קדושה, וועלכע האט נישט צוגעלאזט קיינעם מיטן אויסנאהם פון עטליכע תלמידים און אויך נאר ביים אנטוהן דעם נפטר דעם טלית מיטען קיטעל. די טהרה האט געדויערט ביז נאך 12. דער נפטר איז אראבגעטראגען געווארען אין מקוה פון דער ישיבה פון דארט איז ער אריינגעטראגען געווארען אין זיין ביבליאטעק-צימער, וואו מען האט איהם אנגעטהון די בגדים און דערנאך אריינגעטראגען אין שוהל פון דער ישיבה.

דער ריהרענדער הספד אין ישיבה-שוהל

אין שוהל זענען געווען פערזאמעלט אלע תלמידים, אלע רבנים און רביים און אנ'עולם פון בערך 5—6 הונדערט יודען.

עס איז שווער, כמעט אונמעגליך, אין צייטונגס-שורות איבערצוגעבען דעם ריהרענדען איינדרוק און צו שילדערן די מאמענט, בעת צוויי צעהנדליג תלמידים האבען אריינגעטראגען אין שוהל די מיטה מיט זייער רבין.

וויפיעל מען זאל נישט וועלען דערצעהלען וועגען געבראכענע הערצער, וועגען יאמערליכע קולות פון אנ'עדה 600 דערוואקסענע מענער, וועט דאס אלץ נישט געבען דעם מינדעסטען בעגריף פון דער שטימונג, וואס האט געהערשט אין דער שעה, בעת מען האט דעם רב געזעגענט אין דער שוהל פון דעם בנין וועלכען ער האט געבויט.

עס האט גערעדט דער ערשטער דער לייטער פון דער ישיבה הרב ר' שמעון ענגעל. נאך איהם האט גערעדט דער אוסטינער רב, א קרוב פון נפטר. זעהר הייס איז געווען די הספד רעדע פון הרב ר' מנחם זעמבא אין נאמען פון דער מועצת גדולי התורה. זיין רעדע איז פיעל מאל איבערגעריסען געווארען דורך די תלמידים, וועלכע האבען געוויינט ווי קליינע קינדער.

נאך די הספד-רעדעס האט דער 13-יעהריגער יענקעלע (דאס קליינע חונדל) געמאכט א אל מלא רחמים. א וואונדערבארער מנגן, האט אבער דאס בחורל בלויז אנגעהויבען חוניש, באלד אבער האט ער זיך צוזאמענגעבראכען אין א געוויין, אויסגעשטרעקט די הענדלעך, בשום אופן נישט געקענט ארויסברענגען פון האלז די ווערטער: את נשמת הרב ר' מאיר... דער דאזיגער מאמענט האט אין זיך פערמאגט אזוי פיעל דראמאטישען עקסטאז, אז מענשען האבען זיך מינוטען-לאנג בעגאסען מיט טרעהרען.

און אט קומט

דאס ארויסטראגן די מיטה

אלע תלמידים זענען ממש צוגעקלעבט צו דער מיטה, מען וויינט שוין נישט. א גוואלדיגע שטילקייט. די מיטה ווערט ארויסגעטראגען אויפן הויף. פון דערווייטענס דערזעהען דאס די פרויען און עמפאנגען איהר מיט מוראדיגע יללות.

דער הספד אויפ'ן הויף פון ישיבה

פון באלקאן פון דער ישיבה רעדט דער ערשטער דער הרב לעווין אין נאמען פון דער וועלט-צענטראלע פון דער אגודה און אין נאמען פון דער אגודה אין פוילען. ער גיט אנ'אלזייטיגע כאראקטעריסטיק וועגען נפטר און ווייזט אן אויף דער גרויסער אבידה, וואס עס ליידט איצט דאס ארטאדאקסישע יודענטהום, בפרט נאך, ווען ערשט מיט א קורצער צייט צוריק איז אוועק פון דער וועלט אויך דער חפץ חיים.

הרב לעווין ענדיגט זיין רעדע, איבערלעזענדיג פאלגענדע תקנות, וועלכע עס האבען אנגענומען די גדולי הדור, פערזאמעלטע אין לובלין: 1) אלע, וועלכע זענען געקומען צו דער לויה, דעקלארירען זיך אלס מאנאטליך-צאהלענדע מיטגלידער לטובת דער ישיבה. 2) במשך די שלושים דארף יעדער יוד אין פוילען געבען לכל הפחות 1 זלאטי אויף דער ישיבה. 3) אלע די, וועלכע האבען געבארגט דער ישיבה געלד אויף פראצענט, ערקלערען, אז זיי שענקען דער ישיבה די פראצענטער.

דערנאך האט אין נאמען פון אגודת הרבנים גערעדט הרב קאנאל, וועלכער האט אליין כסדר זיך בעגאסען מיט טרעהרען. זיין הספד האט ער פערענדיגט מיט בעטען מחילה ביים נפטר אין נאמען פון די אלע, וועלכע האבען אפשר נישט ווי געהעריג זיך אבגערופען אויף זיינע ווענדונגען.

פרעזעס מאזור האט גערעדט אין נאמען פון אדמיניסטראטיווען ראט פון דער ישיבה, פערזיכערט דעם נפטר, אז דער ראט און דאס גאנצע ארטאדאקסישע יודענטהום וועט אלע כוחות אנשטרענגען, כדי צו דערהאלטען זיין ווערק און געבעטען ביים נפטר צו זיין א מליץ יושר פארן גאנצען יודישען כלל.

דער לעצטער האט גערעדט דער תלמיד אהרן לעבוואהל, וועלכער האט אין נאמען פון די תלמידים פערזיכערט, אז ווען עס זאל אפילו אויסקומען צו הונגערען און ליידען, וועלען זיי פון דער ישיבה נישט אבטרעטען.

דער לויה-צוג: ריהרט פון ארט

עס ווערען געעפענט די טויערען פון ישיבה-הויף און די מיטה ווערט ארויסגעטראגען, ארומגערינגעלט פון תלמידים, רבנים און רביים. דער צוג ריהרט פון לובארטאווסקא דורך דער מהרש"ל-שוהל. פאראויס די קינדער פון די חדרים און תלמוד-תורה, אי־הורנדיג די ווערטער: צדק לפניו יהלך. עס ריהרט א וואלד מיט קעפ. אלע הייזער, פענסטער, באלקאנען און דעכער אין דער לענג פון לובארטאווסקא זענען בעשיט מיט מענשען און ווידער אמאל געוויינען און געוויינען. מען בעהערשט זיך נישט, מען שעהמט זיך שוין נישט איינער פארן אנדערן, ווייל יעדענס אויגען זענען נאס פון טרעהרען.

אין מהרש"ל שוהל

די שוהל איז בעלויכטען מיט לאמפען און ליכט, די שוהל איז געווען איבערפולט מיט מענשען, וועלכע האבען נאך באלד אין דערפריה פערנומען ערטער ארויסטראגענדיג פון דארט אלע בענק מיט די טישען. מיט דער מיטה איז אבער ארויין אין שוהל א קליינער עולם.

אין שוהל האבען מספיד געווען דעם נפטר אין נאמען פון אגודת הרבנים איהר פרעזעס, דער פאביאניצער רב ר' מענדעלע אלטער, א ברודער פון גערער רבין, דערנאך האט גערעדט דער טשעכיוּווער רב, פון לובלינער ראבינאט און ווידער אמאל האט דער יונגער תלמיד יענקעלע געמאכט א אל מלא רחמים.

צענדליגער שטורקאצן

בעת דער לויה-צוג האט ארויסגעריהרט פון מהרש"ל-שוהל איז שוין צוגעפאלען די נאכט, עס זענען דאן אנגעצינדען געווארען צעהנדליגער שטורקאצן און דאס האט צוגעגעבען א בעזונדערן ריהרענדען קאליר דעם גיגאנטישען צעהנדליג טויזענד קעפיגען צוג.

און אזוי האט טריט ביי טריט דער צוג פערביי מארשירט, די שעראקא, רוסקא, לובארטאווסקא אפגעשטעלט זיך ביי דער ישיבה און דאן אויף דער אוניצקא.

צום בית עולם

אויך דארט האבען פון באלד אין דערפריה אן זיך פערזאמעלט טויזענדער מענשען. פאליציי האט אלע כחות אנגעווענדעט, כדי צו דערהאלטען ארדנונג אין יענעם ענגען געסעל. דאך האבען אויפן בית עולם זיך אריינבעקומען עטליכע טויזענד מענשען.

דער קבר

וועגען ארט פון קבר זענען פארגעקומען א רייהע בעראטונגען. עס איז געווען א פראיעקט מקבר צו זיין אויפן נאר-אלטען היסטארישען בית-החיים. דער דאזיגער פראיעקט איז דורכן ראבינאט און רביים אבגעווארפען געווארען. מען האט דעריבער אנגעהויבען זיך פערטראכטען וועגען אנ'ארט אויפ'ן בית-עולם וועמענס טויערן עס דארפען איצט ווערען געשלאסען. נאך עטליכע בעראטונגען און נאכדעם ווי דער ראבינאט מיט עטליכע דאזארעס זענען נעכטען פריה ארויסגעפאהרען אויפן בית-עולם האבען זיי איינשטימיג בעשלאסען, אז דער קבר פארן נפטר זאל זיך געפינען אין דער געביידע פון בית-עולם בית-המדרש.

דער בית-המדרש בלייבט ווי ביז איצט נור לינקס פון איהם, וואו עס ענדיגט זיך די וואנד איז אויסגעגראבען געווארען א קבר פאראויסזעהענדיג, אז אויפן זעלבען ארט וועט אויך אויפגעשטעלט ווערען אנ'אוהל.

ביים אפענעם קבר האבען דעם

נפטר נאָך מספּיד געווען דער הרב סאָראָצקין פֿון לוצק, דער שאַצער רב (אַ תּלמיד פֿון נפטר), אין נאָמען פֿון דער שטאָדט אין וועלכער דער נפטר איז געבוירען. דערנאָך האָבען גערעדט דער רהאָטינער רב, דער הרוביעשאָווער רב, פֿאָרשטעהער פֿון קרן-התּורה און דאַן האָט פּרעזעס זילבער געזעגענט אין נאָמען פֿון דער קהלה.

אין דער לעצטער מינוט איז אויף אַ דראָשקע געקומען צו פֿאָהרען דער רב פֿון דער שטאָדט סאנאק וואו דער נפטר איז אַמאָל געווען רב, דער סאַנאָקער רב האָט פֿערשפּעטיגט מיטן צוג און געטראָפֿען צום לעצטען מאָמענט פֿון דער קבורה. אויך ער האָט נאָך בעקומען אַ וואָרט און בענאָסען דעם קבֿר מיט טרעהרען.

לויט דער אָנווייזונג פֿון לובלינער רבֿין ר' שלמהלע האָבען אַלע תּלמודים געזאָגט דאָס קאַפּיטעל תּהילים פֿון יום ב' און דערנאָך הצבן אַלע תּלמידים געזאָגט קדיש.

מוסטערהאַפֿטע האַלטונג פֿון דער פּאָליציי

מען מוז אונטערשטרייכען די מוסטערהאַפֿטע האַלטונג פֿון דער פּאָליציי. שטרענג, אָבער העפֿליך. און דאָך איז נישט געקומען צום מינדעסטען אינצידענט, קיין איין איינציגער פֿאָרפֿאַל און בעזונדערס דאַרף אונטערגעשטראָכען ווערען איהר אויפֿמערקזאַמקייט לגבי די איינגעאָרטיגע „געסט", וועלכע זענען נעלטען מאַסענווייז געקומען קיין לובלין. גנבים פֿון פֿערשיעדענע שטעדט, געקליידט זענען זיי געווען אין היטלען, גאַליציאַנער ספּאָדאַקעס, אַנדערע זענען געווען אייראָפּעאיש געקליידעט מיט טעקעס אונטערן אָרים און אַלע האָבען זיך געקליבען אויסצונוצען די ענגשאַפֿט און דורכצופֿיהרען גנבות, פּאָליציי האָט זיי אָבער געהאַלטען אויפֿן אויג, דערקענט די געסט און מיט קייטעלעך אויף די הענד איינגעלאָדען זיי אין די קאָמיסאַריאַטן וואו זיי זענען לעגיטימירט און פֿערהאַלטען געוואָרען.

לאָדזשער פּרעסע

פֿון דער יודישער פּרעסע אין פּוילען האָט אַ בעזונדערן אינטערעס אַרויסגעוויזען די לאָדזשער יודישע צייטונגען, וועלכע האָבען דעלעגירט צו דער לוויה די בעקאַנטע יודישע זשורנאַליסטען די ה"ה פּרץ אָפּאָטשנער (אָפּאָטשינסקי, פֿאָרשטעהער פֿון לאָדזשער טאָגעבלאַט) און ישראל ראָזענבערג מיטאַרבייטער פֿון לאָדזשער פֿאָלקסבלאַט.

דער שפּיטל איז דריי קאַרטען

דאָס יוסטיץ-מיניסטעריום האָט איבערגעשיקט צו די פּראָקוראַטאָרען אַ צירקולאַר, וועגען צוציהען צו געריכטליכער פֿעראַנטוואָרטליכקייט די אַלע וואָס שפּיעלען אין דריי קאָרטען, פֿאַסעק-קייטעלעך און אַלע אַזעלכע שפּיעלערייען. ביז איצט פֿלעגען די פּראָקוראַטורען אַזעלכע שפּיעלער איבערשיקען צו דער אַדמיניסטראַטיווער מאַכט. פֿון איצט אָן וועלען זיי געמשפּט ווערען פֿאַר שווינדלערייען.

ווידער די קאַסע-ברעכער

נעכטען האָבען מיר געשריבען וועגען איינבראָך אין אַ פּולאַווער באַנק, וואו די קאַסע-ברעכער האָבען צוגענומען אַ ביסעל געלד און ווי נאָר זיי זענען אַרויס אין גאַס האָט פּאָליציי זיי געפּאַקט, געשמידט אין קייטען און אַבגעפֿיהרט אין תּפֿיסה. איצט מעלדעט מען אונז וועגען אַ נייע שטיקעל אַרבייט פֿון קאַסע-ברעכער אין ראַזוואַדאָוו, וואו ס'איז אויפֿגעבראָכען געוואָרען די קאַסע אין פּאָסט-אַמט און אַרויסגענומען געוואָרען 6 טויזענד זל.

אויך דאָס מאָל האָט די פּאָליציי געכאַפּט די פֿערברעכער. דאָס זענען בריקאַ, מאַנטשקאַ און אַן אומבעקאַנטער פֿון מיעליץ. זיי זיצען שוין אין תּפֿיסה.

דער ערשטער ווינטער-ראַוט

קונפֿטיגען שבּת־צונאַכטס דעם 4-טען ווערט אין זאַל פֿון האַנדעלס-אָנגעשטעלטען פֿעראיין פֿאָרקומען דער ערשטער ווינטער-ראַוט.

דער ראַוט ווערט איינגעאָרדענט דורך דעם אָרקעסטער-קאָמיטעט ביי דער געז. „מאָרגענשטערן". דער קאָמיטעט האָט זיך געשטעלט פֿאַר אַ ציעל צו שאַפֿען ענדליך דעם ערשטען יודישען אַרבייטער-אָרקעסטער אין לובלין, אַ שווערע, אָבער שעהנע אויפֿגאַבע, וועלכע ווערט מיט עקשנות דורכגעפֿיהרט.

דער פּראָגראַם פֿון ראַוט איז אַ אינטערעסאַנטער, דער זאַל ווערט דעקאָרירט מיט קולימס דיזאַגען און מאַקאַטען פֿון דער פֿירמע היינבוים, און לאָמפּען פֿון דער פֿירמע „לומען" – דער בילעטען-פֿערקויף איז פֿון פֿאָראויס געזיכערט געוואָרען און ס'איז דעריבער צו ערוואַרטען, אַז דער ראַוט ווערט דורך אין אַן אָנגענעהמער שטימונג און ברענגען הכנסה דעם אָרקעסטער-קאָמיטעט.

קלאַנג-קינאָ
„פּאַלאַס"
שפּיטאַלנאַ 11
היינט פּרעמיערע
אויפֿן עקראַן דער קלאַנג-פֿילם א.ג.
Zona na jedną noc
מיט מאַרי גלאָרי
אויף דער סצענע
אויפֿטריטען פֿון נייע-אַנגאַזשירטע אַרטיסטען אונטער דער ליישונג פֿון מיכאל דאַנעצקי
אין אַ רעוויו א.נ.
„פּאָמאַלאָטקאָ פּאָציכאָטקאָ"
די פּרייזען פֿון 54 גר. אָן
שבת און זונטאָג אָנהויב פֿון 1-טען סעאַנס 2.30 נ.מ. פּרייזען אויף דעם נאָכמיטאָג-סעאַנס (פֿילם און רעוויו) נאָר 25 גר.

קינאָ-טעאַטער
„אַפּאָלאָ"
היינט דער פֿילם, וואָס האָט בעקומען אַ גאָלדענעם מעדאַל
אַ שעהנער פֿילם מיט נאָרמאַ שערער
Uśmiech szczęścia
איבערן פּראָגראַם אַקטועלע קלאַנג-צוגאַבען.
אָנפֿאַנג 5 נ. מ. שבת 3 נ.מ.

הילפֿס-רינגען

לטובת דער געזעלשאַפֿט „לינת החולים"

ה' צוקערפֿיין ענטפֿערט ד"ר ראָזינער מיט 1 זל. און רופֿט אַרויס פֿירמע זעליגער און ה. חיזען.

איטשע לייב מאַו ענטפֿערט פֿרוי בלושטיין מיט 1 זל. און רופֿט אַרויס ישראל שפּיראָ, שמואל לעווינשטיין.

חיה'לע צימערמאַן ענטפֿערט פֿרוי בלושטיין מיט 1 זל. און רופֿט אַרויס פֿרוי שלימאַק, מאַניע צימערמאַן, אסתּר צימערמאַן, מימע מיצענמאַכער.

באַנק נחאַראַנצינע ענטפֿערט ה. נערענבערג מיט 1 זל. און רופֿט אַרויס באַנק שרודמיעסקע און באַנק גאָספּאָדאַרטשע.

פֿרוי אסתּרל קרעמפּעל ענטפֿערט פֿרוי באָט מיט 1 זל.

בנציון טענענבוים ענטפֿערט מ. חעיטהויז מיט 1 זל.

חיה'לע שולקלאַפּער ענטפֿערט חעסקע פֿערלמאַן מיט 1 זל, און רופֿט אַרויס הערשעל וויינריב, אלי הייצמאַן, מירל דאַווידזאָן, באַטסל בערגער, חנה'משע קערשענבלאַט, ישראל פֿרידמאַן.

גרויסער קינאָ-טעאַטער
„סאָרמאַ"
רעוואָלוציע-פּרעמיערע פֿון סעזאָן
Pieśń nad pieśniami
מיט מאַרלענאַ דיטריך
אָנהויב 5 נ.מ. לעצטער סעאַנס 10 אָוו. שבת און זונטאָג אָנהויב 3,15 נ.מ.

פֿערלוירען געוואָרען

וועקסלען אויסגעשטעלט אויפֿ'ן נאָמען פֿון שלמה בוימאַן דעמבלין, ווי אויך קלאַוזעס פֿון אוישאָנד סקאַרבאָווע צו שרה פֿינקעלשטיין דעמבלין. דער ערליכער פֿינדער ווערט געבעטען אָבצוברענגען צו ר' שלמה אייגער, געגען בעלוינונג.

Leokadja

(Absolwentki kursu bieliźniarek i hafciarek „ORT'u")
przyjmują wszelkiego rodzaju roboty wchodzące w zakres
BIELIZNIARSTWA
damskiego i męskiegd
Wykonanie precezyjne.
Ceny przystępne
Na żądanie [illegible] mogą się zgłosić po zamówienia pod wskazane adresy.
Przyjmują także zamówienia telefonicznie (tel. 9 20)
Z poważaniem
Leokadja
Kowalska 5 m. 13

דרוקעריי
י. קאַץ נאַוואָ 13

אין ספּאָרט-וועלטעל

די אַרבייטער-פֿערשטענדיגונגס-קאָמיסיע צעפֿאַלט זיך

פֿעראַן אין לובלין 4 יודישע ספּאָרט-קלובען, אויב נישט צו רעכענען דעם שוין נישט עקזיסטירענדען „זשאַקס" און „חיעניאָדע" פֿון משעכוב. פֿון די 4 קלובען בעטראַכטען זיך 3 פֿון זיי אַלס פּראָלעטאַרישע קלובען.

די דרייע 3 קלובען „הפּועל", „מאָרגענשטערן" און „שטערן" האָבען געשאַפֿען צווישען זיך אַ פֿערשטענדיגונגס-קאָמיסיע, וועלכע האָט דאָס געראַדע שטעהן אויף דער וואַך און אָבהיטען די פּראָלעטאַרישע ליניע פֿון די קלובען.

לעצטענס איז אין פֿערשטענדיגונגס-קאָמיסיע ענטשטאַנען אַ מחלוקה. דער „מאָרגענשטערן" האָט אָנגעהויבען בעשולדיגען דעם „הפּועל", אַז ער היט נישט אָב די פּרינציפּען און פֿיהרט זיך נישט אויף ווי קיין אַרבייטער-קלוב. מיט עטליכע טעג צוריק האָט די פֿערשטענדיגונגס-קאָמיסיע גערופֿען אַ פֿערזאַמלונג, אין וועלכער עס האָבען זיך בעטייליגט אַלע מיטגליעדער פֿון די אויבענדערמאָהנטע 3 קלובען. די פֿערזאַמלונג איז פֿערוואַנדעלט געוואָרען אין אַ משפּט געגען „הפּועל". עס איז מצד דעם „מאָרגענשטערן" אַריינגעטראָגען געוואָרען אַ פֿאָרשלאַג צו טאַדלען די האַנדלונג פֿון „הפּועל". נאָך אַ שטורמישער דיסקוסיע איז דער פֿאָרשלאַג אָנגענומען געוואָרען מיט די שטימען פֿון „מאָרגענשטערן" און „שטערן". נאָכ'ן אָננעהמען דעם ראַזיגען פֿאָרשלאַג האָט „הפּועל" פֿערלאָזט די פֿערזאַמלונג.

די פֿערזאַמלונג איז דעריבער געשלאָסען געוואָרען און איצט האָט „מאָרגענשטערן" דעצידירט אַרויסצוטרעטען פֿון דער פֿערשטענדיגונגס-קאָמיסיע.

מצוה לקדש השם

בס"ד! מצוה לפרסם. די קלים, ליצני הדור, ווער הייסט איהר אלײן. זענען מיך מבזה אז איך וויל נישט מלה זיין צייטען מען בעצאָלט מיר 5 זל. דורך דעם האָב איך היזק בריתן. דער הימעל איז אַנ'ערות, אז ביי מיר איז דער עיקר דאָס מלה זיין און אויף דעם קענען אַלע סאָרהערם ערות זאָגען בירוע ע"פ די ליצני הדור בענטש איך מיט אַ ברכה (ע"ל) און פֿון איצט אָן איז אַזוי מיט ג' הילף ווער עס קען באמת מיך נישט מחנה זיין קריגט באַלד דאָס קוויטעל פֿון מעלדונג באַלד ווי מען ווייסט נור דעם קינד אַנאָמען געבען און ווער עס קאָן מיך יאָ מהנה זיין היפּיעל מעגליך איז, סהדי בשחק אז ער מהוט אַ מצוה ווי אַלע מצות פֿון דער הייליגער תּורה. והראי' פֿון ערשטען טאָג ר"ה ביז היינט יום ב' פ' לך תרצ"ד האָב געהאַט 27 בריתן האָב געהאַט פֿון זיי במ"ה 29 זל. בעט זייער ווער עס האָט מיר נאָך נישט געגעבען פֿאַר דעם בלעטיל ל"צ זאָל מיר געבען בסבר פנים יפות.

ידידם **יוסף מוהל.**

מעלדונג

אײנשרײבונגען פֿון קינדער פֿון 6 יאָר אָן ווערן ווייטער אָנגענומען
פּרייז איז די 1-טע קל. נור 10 זל.
האַלב-אינטערנאַט-שולע פֿאַר יונגלעך און מיידלעך
קרוטקאַ 3 p.n. „Nowa Szkoła"

Wzorowe Przedszkole i 7-klasowa Koedukacyjna Szkoła (według nowego ustroju szkolnictwa programem państwowych szkół powszechnych

Trachterówien

przyjmuje zapisy uczenic i uczniów do klas 1, 2, 3 i 4
Egzaminy wstępne systemem lekcyjnym
Do 1-ej klasy przyjmuje się dzieci od lat 6-u bez egzaninu
Ceny przystępne
Konwersacja francuska. Nauka języka hebrajskiego i religji
Bliższych informacji udziela kancelarja szkoły.
Uwaga: szkoła i przedszkole zostały zaopatrzone w najnowsze pomoce naukowe. Rutynowane siły nauczycielskie.
Do przedszkola przyjmuje się dzieci od lat 3-ch.
Krakowskie-Przedmieście 12. (Przechodnia № 1

קינאָ „אַפּאָללאָ" טעלעגראַם!

צוזאַמען מיט אונזער טרעשטקאַסיגען אַנסאַמבל קומען מיר צו אייך צו גאַסט מיטן שלאַגער
מאַמע און שוויגער
לוסי, מישא גערמאַן

Wydawnictwo Sp. z o. odp. Red. odp. H. Kohan.